מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **תזריע מצורע - אחרי קדושים** תשפ"ג ◆ עלון מס': **112**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### די שמחה פון דער בעל בטחון

די צענטע מעלה פון דער בעל בטחון איז דער 'פרסום'.

דער בעל בטחון זוכט עס נישט. ווען מען פרעגט אים וואלט ער בעסער געוואלט איבערבלייבן לעבן אין זיין ווינקל באשיידן און מיט א פשטות, בצנעה און אין די באהעלטעניש שפירן א טעם אין זיין לעבן, אן וואס ער זאל ווערן פארבלענדעט פאר די פאלשע כבוד, אבער עס קומט צוגיין א צייט ווען כלל ישראל דערשמעקט אים, זיי אנערקענען און באמערקן אז עס רוט צווישן זיי א העכערע סארט איד און זיי ווילן זיך דערנענטערן צו אים, צו באקומען א ברכה פון אים, ווייל זיי שפירן אז עס איז א זכיה צו ווילן אין זיינע ד' אמות.

די צענטע מעלה דערמאנט דער רבי אין די חובת הלבבות אין די הקדמה פון שער הבטחון וואו ער שמועסט אויס די חילוקים צווישן דער כעמיסט און דער בעל הבטחון. אין יענער שטיקל ברענגט דער רבי אראפ דער פסוק 'צדיק יסוד עולם'.

ווען מען קוקט אריין אין די מפרשים אויף משלי [י. כה] וואו דער פסוק 'צדיק יסוד עולם' שטייט טרעפט מען דארט אין מלבי"ם א שטארקער דערהער.

דער מלבי"ם שמועסט אויס אז די כוונה אין פסוק מיט'ן ווארט "יסודי' איז צו לאזן הערן אז א צדיק איז א יסודות'דיגער זאך און מען קען אים נישט רירן פון פלאץ און אויך ווען ער ווערט אויפגעשאקלט פון שווערע ווינטן פאלט ער נישט אראפ.

דער יסוד זעט מען זייער שטארק ווען די יסודות שאקלען זיך. ווען דער בעל תענוג, וואס געבט זיך נאך אלע זיינע גלוסטענישן אויף די וועלט גייט אריבער אן אומגעראכטענע שוועריגקייט, עס גייט אים נישט אזוי ווי ער וויל, דאן ווערט ער אויס מענטש, ער פארלירט אלעס אויף די וועלט, ער קען זיך נישט האלטן, אבער דער צדיק וואס שטייט אויף פעסטע יסודות בלייבט שטיין אומבארירט, ווייל דער יסוד איז א שטארקער יסוד.

דער יסוד האט מען געזען אין אלע דורות. די ווערטער פון חז"ל זענען פול מיט דעם געדאנק און זיי זענען פול מיט געשיכטעס וויאזוי די צדיקים האבן זיך געהאלטן שטארק אויך ווען אלעס איז געווען וואקלדיג, ווייל דער צדיק שטייט אויף א פעסטער און א קראנטער יסוד.

דער הייליגער יסוד באגלייט אויך דער בעל בטחון. דורך זיין בטחון ווערט ער א געבויטער מענטש און אויך די ארומיגע שפירן עס און ווערן נשפע פון דעם. דער בעל בטחון זאגט עס נישט פאר אנדערע. ער רעדט אפילו נישט דערוועגן, אבער די ארומיגע זענען עס מרגיש. זיי זען די רואיגקייט וואס איז אויסגעגאסן אויף זיין געזיכט, די שלוה וואס טראפט ארויס פון זיין געשטאלט און דאס גיסט זיך אויך אריבער צו אנדערע און זיי ווערן אויך מושפע פון דעם.

קיין איינער נארט זיך נישט! מען ווייסט אז דער איד איז נישט קיין עושר. אז ער האט נישט קיין אוצרות אין די בענק, אבער דאך איז ער רואיג, ער האט אין זיך א חיות, א שמחה, און אלעס וואס ער טוט ווערט געמאכט מיט א שמחה און זיי ווילן זיין נעבן אים.

א דורכשניטליכער איד דארף אסאך הארעווען אנצוקומען צו די דרגה פון זיין טאג טעגליכע שמחה, אפילו ווען ער מאכט שוין א שמחה און עס וואלט יעצט געדארפט צו זיין די גליקליכסטע מאמענטן פון זיין לעבן, ווייל די קאפ איז נישט דא.

די קאפ וואנדערט ארום אין אלע עקן וועלט. עס איז פארנומען צו טראכטן וואו ער קען זיך שפארן א גרייצער. ער שפינט וועגן וויאזוי ער קען באקומען די זעלבע זאך פאר ביליגער אבער ביי דער בעל בטחון איז אלעס מיט אן אויפגעלייגטער שטימונג, מיט א רואיגקייט, ווייל ער גלייבט אז אלעס וועט זיין גוט און די אמונה איז ממשיך פאר אים גרויסע ישועות און קעגן די צען חסרונות וואס עס פעלט פאר'ן כעמיסט ווערט ער געבענטשט מיט צען ברכות און מיט חיות ווי דער נביא זאגט 'וצדיק באמונתו יחיה'.

זאל מען טאקע זוכה זיין אז אין זכות פון דעם רבי'ן זאל מען אנקומען צו די מדריגה און צו אן אמת'ע שמחה.

[ארויסגענומען פון שיעור 13 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכנטליכע השגחה

### דווקא פאר 'דיר' און דווקא 'יעצט'

א איד, א גרויסער בעל אמונה, דערציילט מיר:

איך האב אין שטוב א קראנקער קינד! מיר גייען אריבער מיט אים שווערע צייטן. עס איז א פארמעסט וואס ענדיגט זיך נישט דערווייל, אבער וואס עס געבט מיר כח אין די שווערסטע מינוטן זענען די ווערטער פון דעם הייליגן סמ"ג.

דער הייליגער סמ"ג אין מצות עשה סימן י"ז שרייבט די פאלגענדע ווערטער:

"עס איז א מצות עשה מצדיק צו זיין דער דין אויף יעדע געשעעניש וואס עס געשעט מיט דיר אויף די וועלט, ווייל עס שטייט אין פסוק וידעת כי כאשר ייסר איש את בנו השם אלקיך מייסרך".

פון די הייליגע ווערטער וואס דער סמ"ג זאגט קומט אויס אז ביי יעדע שוועריגקייט וואס א מענטש האט, נישט קיין חילוק צי די שוועריגקייט איז א גרויסער אדער א קליינער - צי ער האט געזוכט א שקל אין זיין טאש און עס נישט געטראפן אדער אז מען רעדט פון ביטערע יסורים - און דער מענטש איז מצדיק אויף אים דער דין איז ער מקיים מיט דעם א מצות עשה דאורייתא.

יעדער מאל ווען א איד געבט זיך א שטעל אפ נאך אזא מעשה און זאגט פאר זיך אליין אז ער ווייסט אז די שוועריגקייט וואס ער איז יעצט אריבער איז געווען לטובתו, אז דער גוטער טאטע איז מיט אים און ער מאכט עס פאר אים צוליב די גרויסע אהבה וואס ער האט צו אים - איז ער מקיים מיט דעם א מצוה.

און דער סמ"ג לייגט דארט צו א דבר נפלא.

און ווי זיין הייליגער לשון איז דארט, אז אפילו ווען א מענטש האט תשובה געטון אויף א געוויסער זאך און אויך נאך די תשובה ווערט אים נישט בעסער און ער שטארקט זיך אויף זיינע ליידן און גלייבט אז דאס איז לטובתו, איז ער מקיים דערמיט א מצות עשה, ווייל ער גלייבט אז די שינוי וואס האט פאסירט איז פאר זיין טובה, ווייל אזוי ווי השי"ת באצאלט פאר זיינע פיינט גוטס אויף די וועלט, פאר די מצוות וואס זיי האבן געטון, אזוי טוט השי"ת באשטראפן זיינע ליבהאבער אויף די וועלט, אז זיי זאלן אנקומען אויף יענע וועלט ריין און קענען אנקומען גלייך אין גן עדן.

די נקודה טרעפט זיך זייער אסאך ביי אידן אין זייער לעבן. עס מאכט זיך ביי א מענטש אז דווקא ווען ער פארבעסערט זיינע וועגן האט ער שוועריגקייטן און דער איד ווערט פארביטערט. ער פארשטייט נישט פארוואס עפעס יעצט גייט אים אזוי שווער - איך האב דאך פארבעסערט מיינע מעשים - אבער די תשובה איז אז 'דווקא' יעצט און 'דווקא' דו, ווייל אין די שוועריגקייט ליגט א קירוב צום בורא כל העולמים.

די ערשיינונג טרעפט זיך זייער אסאך ביי די בעלי תשובה. זיי דערציילן אז נאך דעם וואס זיי האבן זיך דערנענטערט צו אידישקייט האבן זיי אנגעהויבן באקומען שוועריגקייטן אין גשמיות, אין וועלטליכע זאכן.

די בעלי תשובה ווערן פארביטערט. זיי ווילן פארשטיין פארוואס 'פונקט' יעצט געשעט צו זיי אזא זאך, און דער חינוך ענטפערט זייער פראגע אז דווקא יעצט איז עס אזוי ווייל דאס איז א חלק פון די התקרבות צו השי"ת.

און ווען א מענטש גלייבט אז אלעס איז פאר זיין טובה העלפט מען אים פון הימל אז ער זאל אנהייבן זען די גוטס און ווי עס איז די הייליגע ווערטער פון דעם מהר"ל [נתיבות העולם, נתיב אהבת השם פרק א'] אז ווייל יעדער זאך וואס עס קומט פאר'ן מענטש קומט מצד הטוב פון הקב"ה, און עס קומט אויפ'ן מענטש עפעס וואס זעט אויס שלעכט און ער פארלאזט זיך אויף השי"ת, וועט עס השי"ת איבערדרייען לטוב, ווייל דער איד האט בטחון אין השי"ת.

גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

**וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין**

## מקבל געווען אויף זיך די עול תורה

איך האב זוכה געווען צו לערנען אין די ישיבה 'נזר ישראל' אין די שטאט מודיעין עילית.

איך שרייב עקסטער ארויס דעם נאמען ווייל די מעשה הערט זיך אומגלויבליך און אז איינער וויל עס נאכגיין קען ער עס מברר זיין אין די יעניגע ישיבה.

די מעשה איז געווען מיט א בחור וואס האט אנגעהויבן ווערן א בעל תשובה און פלעגט קומען פון צייט צו צייט אין די ישיבה. אזוי אויך פלעגט דער בחור קומען צו אונז אין שטוב עסן סעודות און פון צייט צו צייט ווען עס האט זיך פאר אים פארשמעקט פלעגט ער לערנען מיט אונז חברותא.

דער בחור איז אלץ געווארן נענטער און נענטער אבער ער האט עס געמאכט אין א גרינגע וועג, נאר ווען עס האט זיך אים פארשמעקט. מיר האבן אים פראבירט צו צורעדן ער זאל אריינקומען אין די ישיבה און עס מאכן מער קביעות'דיג אבער ער האט נישט געהאלטן דערביי.

ער האט גע'טענה'ט אז עס פאלט אים שווער.

אין יענע צייט האט דער בחור זיך געגרייט חתונה צו האבן. אין א טאג, הארט פאר די חתונה, האט ער זיך אויפגעוועקט אינדערפרי שפירנדיג אז ער האט שטארקע ווייטאגן אין זיין האלז. זעענדיג אז עס גייט נישט אוועק איז ער געגאנגען צו א דאקטאר. דער דאקטאר האט עס גענומען ערנסט און אים געזאגט ער זאל גיין מאכן אן אונטערזוכונג. מען האט אים אונטערזוכט און געטראפן אז ער ליידט ליידער פון א שווערע געוויקס אין זיין האלדז ל"ע.

ווי עס איז דער שטייגער אין אזוינע פעלער וועט מען אפעּרירן און ארויסנעמען א שטיקל פון די געוויקס און זען וואס עס איז, צי ער איז א געפארפולע געוויקס אדער נישט קיין געפארפולע.

איידערן אריינגיין צו די אפעראציע האט ער זיך פארגענומען אז ער גייט קומען אין ישיבה און לערנען אין איר דריי חדשים. די קבלה טובה איז געווען זיין לעצטע מחשבה איידער מען האט אים איינגעשלעפערט צו די אפעראציע.

ווען ער האט זיך אויפגעוועקט פון די אפעראציע האט אים דער דאקטאר באגריסט זאגנדיג אז עס קומט אים א מזל טוב. דער בחור קוקט אים אן, ער האט געמיינט אז ער הערט נישט גוט, ער איז נאך אלץ אונטערן רושם פון די אפעראציע אבער דער דאקטאר האט אים געגעבן צו פארשטיין וואס ער מיינט.

"איך בין שוין יארן לאנג א דאקטאר, און כ'מוז דיר זאגן אז אזאנס האב איך נאכנישט געזען".

דער דאקטאר געבט אים צו פארשטיין אז נאכ'ן עפענען דעם ארט האט ער פלוצלונג געזען ווי דער געוויקס קומט אים אקּעגן אין זיין האנט.

"דו ביסט ריין". האט ער אים געזאגט.

דער דאקטאר האט אויסגעפירט אז דאס איז ממש אן אוּממעגליכע זאך, אבער עס האט פאסירט.

דער בחור איז געווען גערירט פון התרגשות, ער האט געזען אויף זיך אז די קבלה טובה צו גיין אין א ישיבה איז פאר אים א רפואה בגשמיות וברוחניות.

## די מאמע מיט א בקשה פון הימל

מיין נאמען איז משה און איך וויל ענק מיטטיילן

## צווישן מאטי מיט מאטי

עס רעדט דא מאטי פון די שטאט ביתר.

די מעשה וואס איך גיי אייך מיטטיילן האט שייכות מיט מיין נאמען און אז איר זאלט עס פארשטיין לאמיר זיך ערשט פארשטעלן מיט מיין משפחה נאמען.

איך הייסט מאטי לעווי. אין די קהילה וואו איך געהער איז דא נאך א איד וואס הייסט מאטי לעווי. אינדערצייט וואס איך בין א מלמד אין א תלמיד תורה אין די שטאט ביתר איז יענער א מגיד שיעור אין א ישיבה.

דער צווייטער מאטי לעווי איז היבש עלטער ווי מיר, און עס געשעט זייער אפט אז איך באקום א טעלעפאן קאלל און מען פרעגט צי מען רעדט דא מיט מאטי לעווי און מען מיינט דעם צווייטן.

אין א טאג האב איך באקומען אזא טעלעפאן קאלל, און דער איד אויפ'ן ליניע האט געוואלט וויסן צי ער רעדט מיט מאטי לעווי.

נאכ'ן ענטפערן יא האט ער געוואלט וויסן צי איך קען יענעם בחור און וואס איך זאג אויף אים.

"זיכער קען איך אים".

דער איד האט אנגעהויבן פרעגן וועגן א שידוך און זייענדיג גוט באקאנט מיט דעם בחור האב איך אים געגעבן די בעסטע אינפארמאציע וואס איך האב אויף דעם בחור. דער איד איז געווארן זייער באגייסטערט און זיך באדאנקט.

א רגע איידער ער האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן געבט מיר דער איד א פרעג צי איך האב היינט געזען דער בחור אין ישיבה. ערשט יעצט האב איך זיך געכאפט אז ער האט בעצם געוואלט רעדן מיט דעם צווייטן מאטי לעווי. איך האב אים געגעבן צו פארשטיין זיין טעות אבער דא האט ער זיך א כאפ געגעבן און רופט זיך אן ווי וואונדערליך די טעות איז געווען.

"איך וועל דיר זאגן דעם אמת. איך האב זיך שוין אסאך נאכגעפרעגט אויף דעם בחור. איך האב באקומען אויף אים אויסגעצייכענטע גריסן אבער מיין ווייב זאגט מיר אז עס איז נישט קיין חכמה. איך האב בעיקר גערעדט מיט די מגידי שיעור. זי וואלט געוואלט הערן פון נאך מקורות און דא האט זיך עס אזוי געפירט אז איך האב גערעדט צו א פרעמדער מענטש וואס קען אים נישט פון די ישיבה".

א טאג דערויף איז די שידוך געווארן און איך האב זיך געפריידט צי האבן א חלק אין דעם.

## צוויי ספרי תורה

ווען איך האב זיך געשטעלט דאווענען שחרית אין מיין געווענליכע מנין האב איך זיך געוואונדערט צו זען אז פאר'ן עמוד שטייט נישט קיין צווייטער ווי איינער פון די חשוב'ע תלמידי חכמים פון אונזער שול.

וויסנדיג אז דער איד האט נאך צוויי עלטערן האב איך זיך געוואונדערט פארוואס גייט ער צו צום עמוד, און נאכ'ן דאווענען בין איך צוגעגאנגען צו אים און זיך באדאנקט פאר זיין דאווענען פאר'ן עמוד און אים געפרעגט צי עס איז געווען אן עקסטערע זאך.

"יא, און לאמיר דיר טאקע דערציילן וואס ליגט דערונטער פון דעם צוגיין".

דער איד האט אנגעהויבן שילדערן זיין געשיכטע:

"פאר לאנגע יארן בין איך שוין דער גבאי פון די 'משכן יחזקאל' שול אין די חברון גאס אין די שטאט בני ברק. עס רעדט זיך פון א פיינע און אן ערליכע שטיבל וואו עס דאווענען חשוב'ע בני תורה. נאך יארן לאנג וואס מיר האבן נישט געהאט קיין אייגענע ספר תורה האבן מיר געבעטן פון א געוויסער איד וואס האט אין זיין באזיץ א ספר תורה צי ער קען עס פארבארגן פאר אונז. דער איד האט מסכים געווען אבער מיט איין באדינג. דער איד האט געוואלט אז מיר זאלן מאכן אינשורענס דערויף".

נו אז עס פעלט אויס אינשורענס זענען מיר געגאנגען מאכן אינשורענס דערויף. מיר זענען אריבער צו אן אינשורענס אגענט און נאכ'ן ברענגען די נויטיגע פאפירן האט מען זיך געגרייט צו אונטערשרייבן. אזוי רעדנדיג דערוועגן רופט זיך דער מנהל פון די אינשורענס ברענטש אז ער הערט אז מיר זוכן א ספר תורה פאר אונזער שול - ער האט פאר אונז א גוטע הצעה.


בחזית האמונה
סיפור אישי

להתעמק
מאמר עומק

שטח פרטי
סיפורים אישיים על השגחה פרטית

בחזית האמונה
סיפור אישי

ניתן להצטרף גם בעמדת נדרים פלוס תחת השם "מגזין השגחה פרטית"

אלפי יהודים כבר יושבים ומתענגים על המגזין החדש והמושקע
השגחה פרטית לכל המשפחה
הצטרפו גם אתם התקשרו עוד היום ל-
02-6246845

מחיר מיוחד לרגל ההשקה 14 ש"ח בלבד | מבצע זיכוי הרבים ב 4 ש"ח בלבד

”ביי מיר אין בנין וואוינט א פרוי, אן אלמנה. מיט עטליכע יאר צוריק האט זי געלאזט שרייבן א ספר תורה לעילו נשמת איר מאן. זי האט זייער געוואלט אריינגעבן דעם ספר תורה אין די שול וואו איר מאן פלעגט דאווענען אבער זי האט אויך חשק אז מען זאל ליינען אין דעם. הערנדיג איז אין די שול וואו איר מאן פלעגט דאווענען איז דא גענוג ספרי תורה האט זי באשלאסן צו זוכן א צווייטע שול”.

”אויף וויפיל איך ווייס”, האט דער מנהל געזאגט, ”איז די ספר תורה נאך ביי איר אין שטוב”.

דער מנהל האט מיר געגעבן די דעטאלן וואו איך קען זיך פארבינדן מיט די פרוי. מען האט זיך פארבינדן מיט איר און זי האט באשטעטיגט אז די ספר תורה איז נאך ביי איר אין שטוב. זי האט געבעטן אז זי וויל זען די שול און זי האט אהינגעשיקט אירע קינדער עס זען און נאכ׳ן ווערן באיינדרוקט האט זי באשלאסן אז זי גייט אריינגעבן דא דער ספר תורה.

מען האט אראנדזשירט א הכנסת ספר תורה און אויך פארשריבן די טאג פון זיין יארצייט און מיר האלטן עס אפ מיט אן ערליכקייט און יאר־יערליך ווען עס פאלט אויס די יארצייט שיקן מיר ארויס א מנין קיין פתח תקוה צו זיין ציון.

מיט א יאר צוריק איז די פרוי נפטר געווארן. ביי די לויה האבן זיך באטייליגט די בני הקהילה לאות הכרת הטוב, און דער זון זעענדיג די הכרת הטוב האט געזאגט אז ער וויל אריינגעבן נאך א ספר תורה פאר אונזער שול, אז די צוויי ספרי תורה זאלן שטיין אין איין ארון הקודש.

א שטיק צייט שפעטער האט מען טאקע אריינגעגעבן די צווייטע ספר תורה.

”און היינט איז איר יארצייט און וועגן דעם האב איך געדאווענט פאר׳ן עמוד, עס זאל זיין פאר איר א זכות לעילוי נשמתה”. האט דער תלמיד חכם אויסגעפירט.

## פון הימל העלפט מען צו די קביעות

מיין טאטע זאל זיין געזונט לאורך ימים ושנים געבט איבער טאג־טעגליך א שיעור אין איינער פון די שולן אין די שטאט בני ברק. די שיעור קומט פאר אין די זעלבע שעה פון טאג. מיין טאטע איז זייער מקפיד אויף די שיעור און ער פארפעלט עס נישט קיין איין טאג.

אויך אין די פארנומענסטע טעג פון יאר מאכט ער זיכער אז ער פארפעלט נישט איבערצוגעבן דעם שיעור.

מיט א שטיק צייט צוריק איז ער געווען אין די שטאט מודיעין עילית צוליב א שמחה. נאך איידער ער איז ארויסגעפארן האט ער זיך אויסגערעכנט אז ער זאל קענען זיין צוריק אויף די באשטימטע צייט און איבערגעגעבן דעם שיעור.

די צייט האט געשטימט אבער יעצט האט ער געדארפט טרעפן א באס וואס זאל אים אפפירן צו די סטאנציע וואו ער וויל אנקומען. אריינקליגענדיג צו הערן ווען דער נעקסטער באס קומט אן איז אים שלעכט געווארן. אויפ׳ן ליניע האט מען געמאלדן אז די נעקסטע באס קומט צוגיין אין א האלבע שעה ארום.

אין א האלבע שעה ארום וועט ער נישט עספיען אנקומען צום שיעור באצייטנס. מיין טאטע איז געווארן אביסל פארלוירן, אבער א איד פארלירט זיך נישט און אויך אין אזא פאל האט ער מתפלל געווען צום רבוש״ע אז ער זאל אים העלפן ער זאל קענען אנקומען צו די שיעור באצייטנס.

”רבוש״ע איך ווייס נישט וויאזוי עס קען געשען אבער איך פארלאז זיך אויף דיר אז דו האסט זיך שוין דיינע וועגן”.

די בקשה האט ער געבעטן פון די טיפעניש פון הארץ.

עס גייט אדורך עטליכע מינוט און א באס שטעלט זיך אפ. די באס האט געדארפט פארן קיין ירושלים אבער אינמיטן האט פאסירט א מאדנע זאך. דער דרייווער האט איינגעמאלדן אויפ׳ן ספיקער אז עס איז אנשטאנען א טויש און ער מוז יעצט דרינגענד זיין אין בני ברק.

”איך פאר נישט קיין ירושלים. אלע רייזענדער וואס ווילן פאר׳ן קיין ירושלים זאלן ביטע אראפגיין. עס גייט שוין קומען א צווייטע באס. ווער עס וויל פארן קיין בני ברק קען ארויפקומען אויפ׳ן באס”.

די אלע רייזענדע זענען אראפ און די באס איז געפארן קיין בני ברק. מיין טאטע איז געווען די איינציגסטע רייזענדער אויפ׳ן באס. דער דרייווער זעענדיג אז ער איז אליינס אויפ׳ן באס האט געפרעגט מיין טאטע וואו ער וויל פארן און אים צוגעפירט ביז צום טיר פון שול.

ביים שיעור האט מיין טאטע דערציילט די מעשה. דערביי האט ער באטאנט אז ער האט געהאט מיטלייד מיט די רייזענדע וואס האבן פלוצלונג געדארפט אראפגיין פון באס. עס איז נישט געווען זיין מהלך, אבער דאגעגן האט ער געזען דערינען וויאזוי אז ווען א איד האט א קביעות אין א שיעור און ער האלט עס אן מיט אן ערנסטקייט העלפט מען אים פון הימל ער זאל עס קענען אנהאלטן, אויך ווען די וועג זעט אויס למעלה פון די נארמאלע וועג.

מיט א מעשה וואס איך האב לעצטענס מיטגעלעבט.

אלעס האט זיך אנגעהויבן אין איינער פון די טעג ווען איך בין געגאנגען אין שול וואו כ׳דאוון טאג טעגליך. אזוי גייענדיג האב איך זיך באגעגנט מיט א מודעה וואס האט געהאנגען אויף די וואנט. אין די מודעה איז געשטאנען אז מען זוכט דרינגענד א איד וואס קען זיין וואלאונטירן אריינצוגיין נאכ׳ן דאווענען אין די שכינות׳דיגע אלטעס־היים און לייגן תפילין פאר די עלטערע אידן וואס דאווענען דארט און קענען זיך נישט אליין אנטון תפילין.

טראכטנדיג אזוי איבער די אידן האב איך באשלאסן אז איך גיי זיך וואלאונטירן. איך בין אריין אין די אנשטאלט און זיך אנגעגעבן אז איך קען זיי העלפן און זיך גענומען צו די עבודת הק׳. און אז מען לייגט תפילין מיט אידן באקומט א שטיקל שייכות מיט זיי. איך האב אנגעהויבן רעדן מיט זיי און ווערן באקאנט מיט זיי, און אזוי ארום האב איך זיך באקענט מיט אסאך פון די ארטיגע אידן.

אין די אנשטאלט קען מען טרעפן אלע ערליי אידן. עס איז דא דארטן אידן פון אלע ערליי שטעט און צווישן זיי האב איך זיך באגעגנט מיט עטליכע רוסישע אידן.

די רוסישע אידן זענען געוואקסן אונטער די קאמוניסטן. זייער באקאנטשאפט מיט אידישקייט איז זייער שוואך, און איך פראביר אויף ווי ווייט מעגליך זיי ארויסצוהעלפן און איך לערן מיט זיי די פשוט׳ע באגריפן וואס עס מיינט א איד און אידישקייט.

צווישן די אידן איז דא דארטן א איד וואס הייסט ארקאדי. דער איד ווייסט ליידער זייער ווייניג איבער אידישקייט אבער ער איז דארטן טאג טעגליך און ער לייגט תפילין.

דער איד רעדט נאר די רוסישע שפראך. די קאמיוניקאציע איז זייער שווער אבער מיר געבן זיך אן עצה. אין א טאג בין איך געקומען לייגן תפילין מיט אים און איך זעה אז ער איז זייער נישט רואיג. פראבירנדיג צו דערגיין וואס עס דרוקט אים האב איך געבעטן א דאלמעטשער זאל איבערטייטשן וואס ער זאגט און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד האט געהאט די נאכט א שרעקעדיגע חלום.

אין חלום האט ער געזען זיין מאמע און זי וויל עפעס פון אים. ער זעט איר שוין עטליכע נעכט אין א ציה אבער ער קען נישט דערגיין וואס זי וויל. הערנדיג דאס האב איך אים געזאגט אז ווי איך שטעל זיך פאר וויל זי פון אים אז ער זאל עפעס טון לעילוי נשמתה.

איך האב אים געברענגט א תהלים אויף די רוסישע שפראך און עס דערלאנגט פאר אים זאגנדיג ער זאל זאגן תהלים פאר אירטוועגן. ביני לביני האב איך געזען אז עס איז דא א רוסישער איד וואס לערנט משניות. זעענדיג דאס האב איך געבעטן פון דעם איד צי ער קען לערנען משניות מיט דעם איד לעילוי נשמתה פון זיין מאמע.

דער איד האט מסכים געווען און מען האט געמאכט א שיעור. איידער מען האט זיך געזעצט לערנען האב איך געפרעגט דער איד צי ער ווייסט אפשר דער נאמען פון זיין מאמע. דער איד האט אזוי געטראכט און זיך דערמאנט. דערנאך האב איך אים פארגעלייגט ער זאל זאגן קדיש פאר זיין מאמע.

ווען איך האב אים געפרעגט ווען איז דער יארצייט פון זיין מאמע האט ער געזאגט אז זיין טאטע איז נפטר געווארן אין יאנאור און די מאמע אין מערץ.

ענדע נאך אסאך טראכטן און זוכן האט זיך ארויסגעשטעלט אז יענער טאג איז געווען די יארצייט פון זיין מאמע און אזוי ווי ער האט נישט געקענט זאגן קיין קדיש האט ער געקלינגען צו זיינער א באקאנטער צי ער קען זאגן קדיש נאך זיין מאמע.

איך בין געווארן זייער באגייסטערט. עס מוז זיין אז זיין מאמע האט געהאט א ספעציעלע זכות אז מען האט איר געלאזט קומען פון יענער וועלט צו דערוועקן איר זון אז ער זאל זאגן קדיש נאך איר אין דעם טאג פון די יארצייט.



# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**איך וואלט געוואלט פרעגן אז איך טרעף זיך ליידער אין א מציאות אז עס איז דא געוויסע מענטשן וואס איך קען זיי נישט דערליידן. איך דערלייד זיי נישט ווייל זיי זענען אנדערש ווי מיר אין אסאך זאכן. איך ווייס אז דאס איז קעגן די רצון השם און אז דער באשעפער וויל אז מען זאל ליב האבן יעדן איד ווי עס שטייט 'ואהבת לרעך כמוך' אבער איך שפיר ווי איך בין נישט מסוגל דערצו. איך וויל בעטן אן עצה וויאזוי איז מען זיך מתגבר אויף דעם פראבלעם.**

שאלה נומער 63 — י.ב. מביתר עילית

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## דורך אמונה וועסטו אנקומען צו אהבה

**הרב עזרא הכהן טעוויל פון בית שמש, הרב מרדכי אלבוים פון אשדוד, הרב יחזקאל אברהם פון בית שמש, הרב אריה אייזנבערג פון בית שמש, הרב אליעזר כץ פון בני ברק, הרב יוסף אסטנבולי פון מודיעין עילית און הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** טייערע שואל! דיין שאלה האסטו אריינגעשיקט אין די גליון וואס רעדט פון אמונה. פון דעם זעען מיר אז דיין שאלה איז אן אמונה'דיגע שאלה, דהיינו אז דו ווארטסט צו הערן א תשובה וואס האט צו טון מיט אמונה און לאמיר טאקע ענטפערן דיין שאלה על דרך האמונה. חז"ל זאגן אונז אין ברכות [נח] אז ווען א מענטש זעט אסאך אידן זאגט ער ברוך חכם הרזים. די סיבה צו די ברכה איז ווייל קיין איינער איז נישט די זעלבע ווי די אנדערע. יעדער זעט אויס אנדערש און יעדער טראכט אנדערש. דער געדאנק ווערט אויך געברענגט פון אריה"ק אז פון בריאת העולם איז יעדער איד באשאפן געווארן מיט אן אנדערע געדאנקענגאנג, ווייל יעדער איינער באקומט זיין מהלך המחשבה לויט זיין שלימות וואס ער דארף ערררייכן אויף די וועלט. לויט דעם קומט אויס אז דאס אז דיין חבר איז אנדערש ווי דיר נעמט זיך פון זיין שלימות און עס איז עקסטער אזוי אויסגעשטעלט און אז דו גלייבסט נישט אין דעם ביסטו חלילה מפקפק אין די גאנצע זאך. זיי זיך גוט מתבונן אין די נקודה און אזוי ארום וועסטו אנקומען צו די ריכטיגע אהבה און קענען ליבהאבן יעדער איד אויך ווען זיין געשטעל און מהלך המחשבה איז אנדערש ווי דיינער.

**הרב מענדל שטראוס פון עפולה, הרב שלמה שמעון ראטמאן פון בית שמש, הרב נחמן גאלדבערג פון ירושלים, הרב יהודה פרידמאן פון בית שמש און הרב נתנאל יוסף לוזון פון צפת:** די עצה איז אז מען זאל מתבונן זיין אין די גדלות פון א איד. מען זאל געדענקען אז יעדער איד איז א בן מלך און יעדער איד איז גוט. דער באשעפער וויל אז מיר זאלן מיטיב זיין לברואיו און אז מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין דעם וועלן מיר אנקומען צו אהבה ואחוה וריעות.

## 'נתינה' איז מוליד 'אהבה'

**הרב ישראל זלושניסקי פון בני ברק און הרב שמואל זאנוויל דאווידאוויטש פון בית שמש:** דער רמב"ם זאגט אויך די ציווי פון חז"ל אז א מענטש זאל ליב האבן זיין ווייב אזוי ווי זיך אליין אז ער זאל מרבה זיין בטובתה. דער בעלי מוסר אויפ'ן ארט צייכענען צו אז דאס איז דער געדאנק. אז מען וויל האבן אהבה צו איינעם זאל מען מרבה זיין צו טון בטובתו ווייל נתינה איז מוליד אהבה. די געדאנק ווערט אויך געברענגט אין מסכת דרך ארץ זוטא פרק שני אז אויב איינער וויל זיך מתדבק זיין אין א צווייטן זאל ער נושא ונותן זיין בטובתו.

## די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך

**הרב נחום ראטמאן פון ביתר, הרב ישראל מ' ווייגנגארטן פון מודיעין עילית, הרב דוד לייפער פון ירושלים, הרב לייב שטערן פון רחובות, הרב יהודה ניימאן פון בני ברק, הרב חיים יעקב מרגליות פון בית שמש, הרב משה לוי פון נתניה און הרב נחמיה יאקאבוויטש פון ביתר עילית:** בשם צדיקים זאגט מען נאך אז א מענטש דארף זיך מתבונן זיין אין זיינע אייגענע פעלערן און אין די מעלות פון זיין חבר. ווען א מענטש איז זיך מתבונן אין זיינע מעלות ווערט פארלוירן די חסרונות. אז מען וועט מדייק זיין אין די ווערטער 'ואהבת לרעך כמוך' זעט מען אז עס שטייט 'כמוך' אזוי ווי דיין אייגענע זאך. אזוי ווי דו האסט חסרונות און דו האלט'ס עס אויס און צומאל גלייכסטו עס איז די זעלבע זאך מיט דיין חבר. עס איז נישט א גרינגע זאך אבער ווען דאס איז די מטרה וואס דו האסט, ווייל דו ווילסט מקיים זיין די מצוה, וועסטו ענדע אנקומען דערצו.

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב שלום נח בערנשטיין פון בני ברק, הרב מני דרחי פון רמת גן און הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** עס איז באקאנט דער טייטש פון דעם בעשטה"ק אויף דער מאמר חז"ל כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו אז ווען א מענטש זעט א פעלער ביי יענעם מיינט עס אז די פעלער איז דא ביי אים אליין און די נקודה איז דא זייער שטארק ביי א מענטש. ווען א מענטש קען נישט דערליידן א צווייטן ווייל יענער האט אין זיך א געוויסע נקודה נעמט זיך עס פון דעם אז די זעלביגע נקודה איז דא ביי אים אליין, און ווייל ער האט עס פיינט ביי זיך האט ער עס פיינט ביי יענעם. נישט אלעמאל וועט דער מענטש שפירן די נקודה אבער עס ליגט ביי אים, און וועגן דעם ווען איר זאגט אז עס שטערט אייך עפעס פון יענעם איז גוט אז מען זאל זיך אליין אונטערזוכן און זען צי עס איז נישט דא נקודה ביי דיר אליין און ווען דו וועסט עס אנטדעקן וועסטו פארשטיין וואס עס דרוקט ביי דיר.

**הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק:** חז"ל זאגן אונז [אבות ב.ד] אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו. ווען מען זעט אז א צווייטער ליידט פון א פעלער דארף מען וויסן אז פאר'ן חבר איז אויך נישט גרינג מיט דעם פעלער ווי למשל אז דער צווייטער איז א כעסן און מען האלט עס נישט אויס דארף מען וויסן אז עס קען זיין אז דער מענטש פארמעסט זיך מיט עפעס וואס איז אים אינערליך שווער און מיר ווייסן נישט פון דעם צוזאגן, און וועגן דעם איז אלעמאל דא א סיבה אז מען זאל יענעם קענען דן זיין לכף זכות.

**הרב מרדכי אייזען פון בית שמש:** די בעסטע עצה דערפאר איז צו לערנען מוסר און מתפלל זיין צו השי"ת. אין די ספרי קודש ווערט געברענגט אז ווען א מענטש האט מורא פון עפעס זאל ער זיך שטארקן אין יראת השם און די זעלבע איז אויך מיט דיין שאלה. עס פעלט דיר אהבת השם. אז דו וועסט זיך שטארקן אין אהבת השם וועסטו אויטאמאטיש אנקומען צו אהבת חברים.

**הרב אהרן שיק פון ירושלים און הרב אברהם בערנהוט פון בני ברק:** די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך האט אין זיך אסאך דרגות און מען קען נישט אריינכאפן אלע אין איין טאג. צו ליב האבן יעדן איד מיט אן אמת'ע אהבה איז א גרויסע דרגה, עס איז בעסער אז דו זאלסט פראבירן ווי ווייט דו קענסט און זיך רוקן אין די וועג, א דרגה נאך א דרגה, ביז ווען דו וועסט אנקומען צו די דרגה וואס דו דארפסט אנקומען.

קעגן דעם זאגט אונז **הרב חיים נחום דרוק פון ביתר** אז דער עיקר מצוה פון ואהבת לרעך איז פאר דעם וואס גייט אריין אין די גדר פון 'רעך' און 'כמוך' דהיינו אז ער געפינט זיך אין דיין סביבה. צו אזא איינער דארפסטו ארויסווייזן אהבה און זיך אנשטרענגען אז ער זאל זיין פון דיינע אוהבים.

## א שאלה פאר גליון 114

א איד האט מיר גורם געווען א געוויסע שאדן. דער איד וויל מיר פארגיטיגן פאר די שאדן און ער האט מיר פארגעשלאגן געלט פאר די שאדן. אין אנהייב האב איך נישט געוואלט נעמען. איך האב געטראכט צו מיר אז אלעס קומט דאך פון הימל און איך וויל נישט נהנה זיין פון יענעמ'ס געלט אבער שפעטער האב איך געטראכט צו מיר אז אפשר איז עס בגדר השתדלות צו נעמען די געלט פון יענעם. איך וואלט זיך געפריידט צו הערן א שטיקל מהלך אויף די שאלה. מ. ד. מירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת אמור. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

## דער וועג פון א גוטער מענטש

דער פסוק אין משלי זאגט [כז כא] **מַצְרֵף לַכֶּסֶף וְכוּר לַזָּהָב וְאִישׁ לְפִי מַהֲלָלוֹ.**

דער פסוק שמועסט אויס וויאזוי מען מעסט אפ א זאך. ער זאגט אז זילבער ווערט געמאסטן לויט א מצרף און גאלד לויט א כור און דער מענטש לויט וויאזוי מענטשן לויבן אים אויס.

די בעלי מוסר פלעגן זאגן אן אנדערע מהלך אין דעם איש לפי מהללו - אז א מענטש מעסט זיך לויט וואס ער איז מהלל דהיינו וואס ער לויבט אויס.

די בעלי מוסר פלעגן צולייגן אז מען קען דערקענען וואס א מענטש איז לויט דעם וואס ער שעצט, צי ער קוקט ארויף גוטע זאכן אדער שלעכטע זאכן.

עס זיצן אסאך מענטשן ביי א מסיבה און יעדער רעדט פון א צווייטער זאך. ביי איינעם שפילט א ראלע די שיינע דברי תורה וואס מען האט דארט געזאגט, א צווייטער כאפט די מוזיק, א דריטער דער זינגער און א פערטער דער עסן און לויט דעם קען מען זען וואס דער מענטש איז באמת.

די זעלבע נקודה איז אויך דא מיט דער דיבור פון א מענטש.

עס איז דא אסאך בשורות אויף די וועלט. עס איז דא גוטע און שלעכטע. עס איז דא צו בארעדן יעדן אדער אויסלויבן יענעם, און דא זעט מען אויך די פנימיות פון דער מענטש. א גוטער מענטש דערציילט גוטע בשורות און פארקערט - פארקערט.

די נקודה פלעגט מען זען ביי די אנשי מעשה. זיי האבן זייער שטארק מקפיד געווען נישט צו זיין קיין מבשרי רעות. אז עס איז געווען א בשורה רעה האבן זיי עס געלאזט פאר א צווייטן.

ווען מען האט געדארפט דערציילן פאר דוד המלך וועגן די מעשה פון אבשלום שטייט אז ווען דוד המלך האט געזען אחימעץ בן צדוק לויפט אים אקעגן האט דוד המלך געזאגט 'איש טוב זה ואל בשורה טובה יבוא' אז דער מענטש איז א גוטער מענטש און ער וועט נישט דערציילן קיין שלעכטע בשורה, ווייל א גוטער מענטש דערציילט נישט קיין שלעכטע בשורות.

עס איז טאקע אזוי געווען און אחימעץ האט דערציילט פאר דוד המלך אז מען האט געוואונען די קריג, און די שלעכטע בשורה איבער אבשלום האט ער איבערגעלאזט פאר'ן כושי צו דערציילן.

אז מען דארף זיין א גוטער מענטש דארף מען רעדן גוטע זאכן.

דער יצר פון א מענטש איז רע מנעוריו. די נאטורליכע נטייה איז צו ווערן נאכגעשלעפט נאך נישט גוטע זאכן און עס איז אונזער תפקיד זיך צו שטארקן דערויף ווייל ווען א מענטש רעדט גוט איז ער א גוטער מענטש.

רבי אביגדור מילער זצ"ל פלעגט צו זאגן אז עס איז בעסער צו זאגן א ליגנט וואס איז גוט, ווי אן אמת וואס איז נישט גוט.

עס איז דא מענטשן וואס באקלאגן זיך א גאנצן טאג, זיי באוויינען דער מצב. מיר דארפן עס אפשטעלן. ווען מען רעדט שלעכטס איז מען ממשיך אויף זיך רע. ווער עס רעדט אויף זיך גוטס איז ממשיך אויף זיך גוטס.

דאס איז דער יסוד פון א גוטער מענטש און פון א בעל בטחון צו רעדן גוטס און צו ארויסצוקוקן אויף גוטס און מען זעט עס טאקע אז בעלי בטחון פארלאזן זיך אויף די גוטס וואס עס גייט קומען אויף זיי און עס ווערט טאקע מקויים ביי זיי.

זאל השי"ת העלפן אז עס זאל קומען נאר גוטס אויף אלע אידן.

די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

## א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באקומער**

פון טיפעניש פון הארץ וויל איך דא אויסדרוקן מיין דאנק פאר די וואונדערליכע גליון וואס איר געבט דא ארויס יעדע שטיק צייט. יעדער מאל וואס כ'נעם אריין דער גליון אין מיינע הענט ווער איך מרוגש פון פריש זעענדיג די שיינע תוכן וואס עס האט. דער גליון ברענגט אריין אין מיר די אמונה און בטחון און געבט מיר די געפיל אז אלעס פירט זיך בהשגחה פרטית.
א הארציגן דאנק דערפאר.

**מצד די געבער**

געני מיט א יאר צוריק האב איך גע'התמ'ט צו ביישטייערן א סומע געלט אויסצוצאלן די קאסטן פון פארטיילן די גליונות אין זיבן שולן וועלכע געפינט זיך אין מיין געגענט. די דעמאלטסדיגע התחייבות איז געווען אויף א יאר צייט און לזכות אז איך זאל זוכה זיין צו א גוטער שידוך. ברוך השם אז יעצט מיט'ן ענדע פון אויסצאלן די התחייבות, בין איך ברוך השם א געהאלפענער. איך וויל דא מפרסם זיין די ישועה און די גרויסע כח וואס די הפצה פון אמונה האט ביים כלל ישראל.
ח.ר. ישראלי


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדרוקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה